STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03084

# HEYRAT UN FRAYE LIEBE

Emma Goldman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עממא גאָלדמאַן.

# הייראט
## און
# פרייע ליעבע

איבערזעצט פון
א ב ג ד

ארויסגעגעבען פון
ISIDOR SCHWARTZ
NEW YORK, N. Y.
49

# הייראט און פרייע ליעבע.

הייראט און ליעבע ווערען בעטראכט פון די מעהרסטע מענשען אלס צוויי ווערטער מיט דערזעלביגער בעדייטונג. מ׳מיינט, אז זיי קומען ארויס פון דיזעלבע מאטיווען און זיי בעפרידיגען דיזעלבע פערלאנגען. אט די מיינונג איז ניט בעגרינדעט אויף ווירקליכע פאקטען, נאר דאס פאלק האט זיך אזוי איינגערעדט.

הייראט און ליעבע זיינען צוויי בעזונדערע זאכען: זיי זיינען אזוי ווייט פונאנדער ווי דער נארד־פאל פון דעם זיד פאל. נאך מעהר, איינע איז גאר ענטגעגענזעצט דער אנדערער. ס׳איז קיין צווייפעל ניט, אז מאנכע חתונות זיינען געווען דער רעזולטאט פון ליעבע. אבער ניט ווייל די ליעבע האט ניט געקענט האבען קיין קיום אויסער דער הייראט, נור ניכער ווייל לייט קענען זיך אין גאנצען ניט בעפרייען פון אנגענומענע זיטען. עס זיינען פאראן היינט א סך מענער און פרויען וואס הייראט איז ביי זיי ניט מעהר ווי א קאמעדיע, דאך ווארפען זיי זיך אונטער איהר אונטער צוליעב דער עפענטליכער מיינונג. יעדענפאלס בעהויפט איך, אז כאטש עס איז אמת, אז מאנכע חתונות זיינען בעגרינדעט אויף ליעבע, און כאטש עס איז אויך אמת, אז אין מאנכע פעלע ווערט די ליעבע ניט אבגעקיהלט אין פערהייראטען לעבען, איז דאס אבער ניט ווייל זיי זיינען פערהייראט, נור ט ר א ט ץ ד ע ם וואס זיי זיינען פערהייראט.

פון דער אנדער זייט ווידער איז עם לחלוטען פאלש, אז פון הייראט קומט ארויס ליעבע. עס טרעפט אמאל אין א יובל, אז א פערהייראטע פאאר פערליעבען זיך נאך דער חתונה; אבער ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער, זעהען מיר דאן, אז דאס איז ניט מעהר ווי זיך צו פאסען צו דאס וואס איז אונפערמיידליך. דאס וואס מען געוואוינט זיך צו איינע צו די אנדערע איז נאך גאנץ ווייט פון דער

שטאַרקייט פון געפיהל וואָס הערשט אין א ליעבע און וואָס אָהן דעם ערנידעריגען זיך מאַן און פרוי ווען זיי פיהרען א פערהייראַטען לעבען.

הייראַט איז הויפּזעכטליך אַן עקאָנאָמישער אָפּמאַך, א פערזיכערונגס־פערבינדונג. דער חלוק איז נור וואָס דאָס איז פיעל בינדענדער און שטרענגער ווי א אָפּמאַך מיט אַן אינשורענס קאָמפּאַניע. די ריוחים וואָס קומען נאָכהער זיינען אונבעדייטענד ווען מען פערגלייכט זיי מיט'ן קרן וואָס מען אינוועסטעט. ווען איינער נעהמט ארויס אַן אינשורענס פּאָליסי, צאָהלט ער דערפאַר אין דאָלערס און אין סענטען, און האָט די פרייהייט אויפצוהערען צאָהלען. אָבער ווען דער פּרעמיום פון א פרוי איז א מאַן, צאָהלט זי דערפאַר מיט איהר נאָמען, מיט איהר זעלבסט־רעספּעקט, מיט איהר סאַמע לעבען, „ביז דער טויט שיידט פונאַנדער“. נאָך מעהר, מיט דער הייראַטס־אינשורענס פערפליכטעט זי זיך צו זיין לעבענסלענגליך אָפּהענגיג, צו זיין א פּאַראַזיט, צו זיין נוצלאָז אינדיווידועל אזוי ווי געזעלשאַפטליך. דער מאַן בעצאָהלט אויך טייער, אָבער זיין קרייז איז פיעל ווייטער, און דערפאַר ווערט ער ניט אזוי בעגרענעצט דורך דער הייראַט ווי די פרוי. ער פיהלט זיינע קייטען מעהר אין אַן עקאָנאָמישען זין.

דאַנטעס מאָטאָ צו זיין שילדערונג פון גיהינום קען זעהר גוט אַנגעווענדעט ווערען פאַר די הייראַט: „איהר וועלכע קומט דאָ אריין לאָזט אַלע האָפנונגען הינטער אייך“.

אַז הייראַט איז א דורכפאַל וועט קיינער ניט לייקענען, סיידען נאַר א נאַר. מ'דאַרף נור א בליק טאָן אין דער סטאַטיסטיק פון גט'ן אום צו זעהן וואָס פאַר א ביטערער דורכפאַל די הייראַט איז. דער דורכשניטליכער פילאַכער מענש קען דאָ ניט אַרגומענטירען, אַז די גרויסע צאָהל גט'ן קומט דערפון וואָס ס'איז צו לייכט ארויסצוקריגען א גט און וואָס פרויען זיינען איצטער צופיעל אויסגעלאַסען. וואָרים ערשטענס, ענדיגט זיך איינע פון יעדע צוועלף חתונות מיט א גט; צווייטענס, איז זינט 1870 די צאָהל גט'ן געשטיגען פון 28 אויף 73 פאַר יעדע הונדערט טויזענד בעפעלקערונג; דריטענס, איז די אונטרייהייט אַלס גרונד פאַר א גט געשטיגען 270.8 פּראָצענט; פיערטענס, איז „דעזערשאַן“ געשטיגען 369.8 פּראָצענט.

מ׳קען נאָך צולעגען צו אַט די ערשטוינליכע ציפער א גוואַלדיג רייכען מאַטעריאַל אין דראַמע און ליטעראַטור וואָס מאַכט נאָך קלערער דעם ענין. ראָבערט הערריק אין „טאָגעטהער״: פינערא אין „מיד־טשענעל״: יודזשען וואַלטער אין „פעיד אין פול״: און א צאָהל אַנדערע שרייבער בעווייזען ווי טרוקען, ווי מאָנאָטאָן, ווי געמיין די היירא͏ט איז, און ווי זי קען ניט דינען אַלס פאַקטאָר פאַר האַרמאָניע און פערשטענדיגונג.

דער נאָכדענקענדער סטודענט פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען וועט זיך ניט בעפרידיגען מיט דער אויבערפלעכליכער ענטשולדיגונג פאַר אַט דער ערשיינונג. ער וועט מוזען אריינגעהן אביסעל טיפער אין דאָס סאַמע געשלעכטליכע לעבען אום צו וויסען פאַרוואָס דאָס פערהייראַטע לעבען איז אזוי אומגליקליך.

עדוואַרד קאַרפענטער זאָגט, אז הינטער יעדער היירא͏ט שטעהט די אומגעבונג, אין וועלכער די ביידע געשלעכטער האָבען פערבראַכט זייער גאַנצען לעבען: אַן אומגעבונג אזוי פערשידען איינע פון די אַנדערע אז מאַן און פרוי מוזען זיך בלייבען פרעמד. דער מאַן און די פרוי זיינען פונאַנדערגעשיידט דורך א הויכע וואַנד פון אבערגלויבען,זיטע און געוואוינהייט, און די היירא͏ט קען דערפאַר ניט האָבען די קראַפט צו ענטוויקלען פערשטענדענים און רעספעקט פון איינעם צום אַנדערען, וואָס אָהן דעם מוז יעדע פערבינדונג זיין א דורכפאַל.

הענריק איבסען, וועלכער האָט געהאַסט אלע געזעלשאַפטליכע ליגענס, איז פיליכט געווען דער ערשטער וואָס האָט בעגריפען אַט דעם גרויסען אמת. נאָרא פערלאָזט איהר מאַן, ניט — ווי דער דומער קריטיקער וויל עס האָבען — ווייל זי איז מיד פון איהרע פעראַנטוואָרטליכקייטען אָדער זי פיהלט די נויטיגקייט פון דער פרוי׳ס רעכטען, נור ווייל זי האָט איינגעזעהן, אז זי האָט אבגעלעבט אכט יאָהר מיט א פרעמדען און איהם געבוירען קינדער. קען נאָך זיין נידעריגער און געמיינער ווי א לעבענס־לענגליכע נאָהנטקייט צווישען צוויי פרעמדע? די פרוי דאַרף גאָרניט וויסען פון דעם מאַן א חוץ וויפיעל ער פערדינט. וואָס אנבעלאַנגט קענען די פרוי — וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו וויסען א חוץ דעם, אז זי זעהט אויס שען? מיר זיינען נאָך ניט אויסגעוואַקסען פון דעם גלויבען פון די גייסט־

ליכע, אַז די פרוי האָט ניט קיין נשמה, אַז זי איז ניט מעהר ווי אַ „פּריבאָוויק“ צום מאַן, געמאַכט פון זיין ריפּ בלויז פאַר דער בעקוועמ־ליכקייט פון דעם דזשענטעלמאַן, וועלכער איז געווען אַזוי שטאַרק אַז ער האָט זיך געשראָקען פאַר זיין אייגענעם שאָטען.

פיליכט איז די פרוי נידעריגער פאַר׳ן מאַן צוליעב דעם וואָס זי איז בעשאַפען געוואָרען פון אַ שוואַכען מאַטעריאַל. יעדענפאַלס קיין נשמה האָט ניט די פרוי, טאָ וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו וויסען וועגען איהר? דערצו איז וואָס וועניגער נשמה אַ פרוי האָט, אַלץ בעסער איז זי פאַר אַ וויב, אַלץ גרייטער איז זי זיך צו לאָזען פערשלינגען פון איהר מאַן. אָט די שקלאַפּישע אונטערוואַרפונג אונטער דעם מאַנ׳ס איבערלעגענהייט האָט אויפגעהאַלטען אונבעריהרט אַזוי לאַנג די אינסטיטוציע פון הייראַט. איצטער ווען די פרוי קומט צום שכל, ווען זי ווערט בעוואוסט, אַז אַחוץ דעם חסד פון איהר האַר איז זי אויך עפּעס וואָס, ווערט טאַקע ביסלעכווייז אונטערגעגראָבען די הייליגע אינסטיטוציע פון דער הייראַט, און קיין סענטימענטאַליטעטען קענען דאָס ניט פערהאַלטען.

כמעט פון איהר קינדהייט אָן זאָגט מען דער דורכשניטליכער מיידעל אַז די הייראַט איז איהר לעצטער ציעל; איהר גאַנצע ער־ציהונג מוז דעריבער זיין געריכטעט צו אָט דעם ענד־ציעל. אַזוי ווי די שטומע בהמה ווערט געפּאַשעט פאַר דער שחיטה, אַזוי ווערט זי צוגעגרייט פאַר דעם. דאָך איז עס זאָנדערבאַר, אַז ס׳איז איהר ער־לויבט צו וויסען אַ סך וועניגער וועגען איהרע פונקציעס אַלס וויב און מוטער איידער דער געוועהנליכער האַנדווערקער וויים וועגען זיין האַנדווערק. ס׳איז ניט אַנשטענדיג און ניט זויבער פאַר אַ מיידעל צו וויסען עפּעס וועגען די פערהעלטניסע פון פערהייראַטען לעבען. אַה, ווי אונאויסגעהאַלטען איז די אַנשטענדיגקייט וואָס בעדאַרף די שבועה פון דער הייראַט אום צו פערוואַנדלען אַ זאַך וואָס איז אונ־זויבער אין דעם ריינסטען און הייליגסטען אַפּמאַך, וואָס קיינער וואָגט ניט צו קריטיזירען, אָט דאָס איז גענוי די שטעלונג פון דעם דורכשניטליכען פערטיידיגער פון דער הייראַט. די צוקינפטיגע וויב און מוטער ווערט געהאַלטען אין פאַלשטענדיגער אונוויסענהייט וועגען דאָס איינציגע וואָס זי פערמאָגט אויפ׳ן פעלד פון קאָנקור־

רענץ — איהר געשלעכט. אַט אזוי טרעט זי אריין אין א לעבענס־לענגליכען פערהעלטניס מיט א מאַן נור אום זיך צו געפינען אַפּגע־שטויסען און בעליידיגט איבער יעדער מאָס דורך דעם נאַטירליכסטען און געזונדסטען אינסטינקט, דעם געשלעכט. מ׳קען זיכער זאָגען אז א גרויסער פּראָצענט פון דער אומגליקליכקייט, עלענד און פּיזישען ליידען פון הייראַטס־לעבען קומט פון דער פערברעכערישער אונווי־סענהייט וועגען סעקסועלע זאַכען, וואָס ווערט געריהמט אלס א גרוי־סע מעלה. ס׳איז גאָר ניט קיין איבערטרייבונג ווען איך זאָג, אז מעהר ווי איין הויז איז צובראָכען געוואָרען צוליעב אַט דעם בעדוי־ערענסווערטען פאַקט

דאָך אויב די פרוי איז גענוג פריי און גרויס צו לערנען דאָס סעקסועלע מיסטעריום אָהן דעם הכשר פון דעם שטאַט אָדער פון דער קירך, וועט זי שטעהן פערורטיילט אלס ניט פּאַסענד צו ווערן די פרוי פון א „גוטען" מאַן, וועמעס גוטסקייט עס בעשטעהט אין האָבען א פּוסטען קאָפּ און א סך געלד. קען עס נאָך זיין א שרעקליכערע זאַך ווי דער געדאַנק אז א דערוואַקסענע, געזונדע פרוי, פול מיט לעבען און ליידענשאַפט, מוז זיך אָבזאָגען פון דער נאַטור׳ס פער־לאַנג, מוז אונטערדריקען איהרע שטאַרקסטע געפיהלען, אונטער־גראָבען איהר געזונד און ברעכען איהר גייסט, מוז זיך צוריקהאַלטען פון דער טיפקייט פון סעקסועלער ערלעבונג ביז עס קומט א „גוטער" מאַן זי צוצונעהמען צו זיך פאַר א ווייב? דאָס איז גענוי וואָס הייראַט איז. ווי קען אזא פערבינדונג זיך ענדיגען אין עפּעס אנדערש ווי אין א דורכפאַל? דאָס איז איין פאַקטאָר, כאָטש ניט דער אונ־בעדייטענדסטער, וואָס אונטערשיידט הייראַט פון ליעבע.

מיר לעבען אין א פּראַקטישער צייט. די צייט ווען שעקספּיר׳ס ראָמעאָ און דזשוליעט האָבען צוליעב זייער ליעבע ריזיקירט מיט׳ן צאָרן פון זייערע פאָטערס, ווען געטהע׳ס גרעטכען האָט ניט געקוקט וואָס זי איז צוליעב איהר ליעבע אריינגעפאַלען אין די בייזע מיילער פון איהרע שכנים — יענע צייט איז שוין פערביי. אויב יונגע מענ־שען ערלויבען זיך ביי א זעלטענער געלעגענהייט צו געניסען פון ראָמאַנטישער ליעבע, פאַסען שוין די עלטערע אויף זיי אויף און קנע־לען מיט זיי אזוי לאַנג ביז זיי קומען צום שכל.

די מאָראַלישע לעהרע וואָס די מיידעל קריגט איז ניט אויב דער מאַן האָט דערוועקט איהר ליעבע, נור גיכער בעשטעהט דאָס איז „ווי־פיעל?" די איינציגע זאַך וואָס בערעכטיגט הייראַט איז אויב דער מאַן קען מאַכען אַ לעבען, אויב ער קען אויסהאַלטען אַ ווייב. ביס־לעכוויין דרינגט דאָס דורך יעדען געדאַנק פון דער מיידעל; איהרע חלומות זיינען ניט מעהר פון לבנה־נעכט און קושען, פון שמייכלען און טרערען; זי טרוימט גיכער פון קויפען מציאות אין דעפּאַרט־מענט־סטאָרס. אָט די גייסטיגע אָרימקייט און געוואוינהייט זיינען עלעמענטען וואָס מ'קען ניט אָבשיידען פון דער אינסטיטוציע פון הייראַט. דער שטאַט און די קירך גיבען קיין הכשר ניט אויף קיין אנדער אידעאַל, מחמת דאָס איז פּאָר זיי דער איינציגער וועג צו בעהערשען די מענער און די פרויען.

עס זיינען אָהן אַ צווייפעל פאַראַן מענשען, ביי וועמען ליעבע שטעהט העכער ווי דאָללאַרס און סענטען. בעזונדערס איז דאָס אמת פון יענעם קלאַס וואָס איז געצוואונגען דורך די עקאָנאָמישע נויט־ווענדיגקייט זיך זעלבסט אויסצוהאַלטען. די געוואַלדיגע ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער פרוי וואָס איז געקומען דורך יענעם מעכ־טיגען עקאָנאָמישען פאַקטאָר, איז ווירקליך וואונדערבאַר ווען מיר בעטראַכטען ווי קורץ די צייט איז זינט זי האָט בעטראָטען די אינ־דוסטריעלע אַרענא. זעקס מיליאָן פרויען, וועלכע לעבען פון זייערע ווייזשעס; זעקס מיליאָן פרויען, וועלכע האָבען דאָס זעלבע רעכט ווי די מענער צו ווערן עקספּלואַטירט, בערויבט דאָס רעכט צו סטרייק־קען, אפילו דאָס רעכט אויסצוגעהן פון הונגער. קען מען נאָך פערלאַנגען מעהר? יאָ, זעקס מיליאָן לוין־אַרבייטער אין יעדען צווייג פון לעבען, פון דער העכסטער קאָפּ־אַרבייט ביז דער שווער־סטער האַנדאַרבייט אין די גרעבערייען און ביי די אייזענבאַהנען; יאָ, אפילו דעטעקטיוום און פּאָליסלייט, זיינען פרויען. געוויס, די עמאַנציפּאַציע איז פאָלשטענדיג.

דאָך טראָץ אַלעם דעם קוקען גאַנץ ווייניג פון דער גרויסער צאָהל פרויען לוין־אַרבייטער אויף זייער אַרבייט אַלס אויף אַ בעשטענדיגע אישו, אזוי ווי די מענער קוקען אויף זייער אַרבייט: ווי נוצלאָז דער מאַן זאָל ניט זיין, האָט ער זיך אָבער אויסגעלערענט זיין אונ־

אבהענגיג. אַה, איך ווייס, אז קיינער איז ניט ריכטיג אונאַבהענגיג אין אונזער עקאָנאָמישער טרעט־מיל; דאָך, דער נידעריגסטער זאָרט מאַן האָט פיינט צו זיין אַ פּאַראַזיט; ער וויל יעדענפאַלס ניט, אז מ׳זאָל וויסען אז ער איז אַ פּאַראַזיט.

די פרוי בעטראַכט איהר לאַגע אַלס ארבייטאַרין פאַר אַ דער־ווייליגע זאַך, וואָס זי וועט אוועקוואַרפען ווען דער ערשטער בעסטער וועט זיך נור אַנבאָטען צו איהר. דאָס איז דער גרונד פאַר־וואָס עס איז טויזענד מאָל שווערער צו אָרגאַניזירען פרויען איידער מענער. „צו וואָס זאָל איך זיך אַנשליסען אַן אַ יוניאָן? איך געה דאָך באַלד הייראַטען און האָבען אַ היים“. האָט מען זי ניט געלע־רענט פון דער קינדהייט אַן, אז פערהייראַט זיין איז די לעצטע פראַ־פעסיאָן איהרע, ביי וועלכער זי מוז בלייבען? זי געפינט אָבער באַלד אויס, אז די היים, כאָטש ניט אַזאַ גרויסע טורמע ווי די פעק־טאָרי, האָט אָבער שטאַרקערע טירען און ריגלען. זי איז אַ טורמע וואָס האָט אַזאַ גוטען, טרייען היטער, אז קיינער קען פון דאָרטען ניט אַנטלויפען. דאָס טרויעריגסטע דערביי איז נאָך, וואָס די היים בע־פרייט זי ניט מעהר פון לוין־שקלאַפעריי; עס מאַכט נאָך שווערער איהרע אויפגאַבען און איהר ארבייט.

לויט די לעצטע סטאַטיסטיק פון דער קאָמיטע „וועגען ארבייט, לוין און נעדיכטקייט פון בעפעלקערונג“ איז בלויז צעהן פּראָצענט פון די ארבייטערינען פון דער שטאָדט ניו יאָרק פערהייראַט. און אפילו אַט די צעהן פּראָצענט מוזען ארבייטען נאָך דער חתונה פאַר דעם נידעריגסטען לוין. ווען מ׳לעגט נאָך צו די שווערע הויז ארבייט, טאָ וואָס בלייבט דאַן פון דער גאַנצער בעשיצונג און דעם גאַנצען גלאַנץ פון דער היים נאָך דער חתונה? ס׳איז אַ פאַקט, אז אפילו די מיטעל־קלאַס מיידעל קען ניט ריידען וועגען איהר היים, ווייל דער מאַן, ניט זי, שאַפט איהר קרייז. ס׳איז ניט קיין גרויסער אונטערשיעד אויב דער מאַן איז אַ דעספּאָט אָדער זעהר אַ גוטער. וואָס איך וויל בעווייזען איז בלויז, אז הייראַט גיט דער פרוי אַ היים בלויז דורך דעם חסד פון איהר מאַן. אזוי בעוועגט זי זיך אין זיין היים, אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, ביז איהר קוק אויפ׳ן לעבען און אויף מענשליכע פערהעלטניסע ווערט אזוי פלאַך און ענג ווי איהר אומ־

געבונג. קיין וואונדער ניט וואָס זי ווערט א קליינליכע רכילות־טרייבערקע, וואָס האַלט אין איין זיך קריגען ביז זי פערטרייבט דעם מאַן פון הויז. זי קען ניט געהן, אויב זי וואָלט וועלען, ווייל ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ וואוהין צו געהן. דערצו איז גענוג א קורצע צייט פון פערהייראַטען לעבען, פון איין זאַנצען זיך אַבזאָגען פון אלע פּע־היגקייטען, צו מאַכען די דורכשניטליכע פרוי פּאַלשטענדיג אונפּעהיג פאַר די אויסערע וועלט. זי ווערט אַבגעלאָזט אין איהר אויסער־ליכער ערשיינונג, אונגעשיקט אין איהרע בעוועגונגען, אַבהענגיג אין איהרע בעשלוסען, פּייג אין איהר אורטייל, א לאַסט וואָס די מעהרסטע מענער הייבען אָן פיינד צו האָבען און צו פעראַכטען. א וואונדערליך בעגייסטערענדע אַטמאָספערע צו דערטראָגען דאָס לע־בען, ניט?

אָבער דאָס קינד, ווי וועט עס בעשיצט ווערען אויב ניט דורך דער הייראַט? איז דען דאָס ניט די ערשטע וויכטיגסטע זאַך וואָס דאַרף דאָ בעריקזיכטיגט ווערען? די פאַלשקייט, די היפּאָקריטסטווע דערפון! די הייראַט בעשיצט דאָס קינד, דאָך געהען ארום טויזענדע קינדער אָהן שטיצע און אָהן א היים. הייראַט בעשיצט דאָס קינד, דאָך הייזער פאַר יתומים און רעפאָרם־אַנשטאַלטען איבערגעפּאַקט מיט קינדער, א געזעלשאַפט צו פערמיידען גרויזאַמקייט צו קינדער שטענדיג בעשעפטיגט צו ראַטעווען די קליינע אָפּפער פון די „ליע־בענדע" עלטערן, זיי צו ברענגען אונטער דער זיכערער און ליעבענ־דער בעשיצונג פון דער גערי סאָסייעטי. אָה, ווי ליעבליך דאָס איז!

הייראַט מעג האָבען די קראַפט „צו ברייגגען דאָס פערד צום וואַסער", אָבער קען זי איהם מאַכען צו טרינקען? דאָס געזעץ וועט שטעלען דעם פאַטער אונטער אַרעסט, און איהם אַנטאַן ארעסטאַנט־סקע קליידער: אָבער האָט דאָס ווען געשטילט דעם הונגער פון א קינד? אויב דער פאַטער האָט ניט קיין ארבייט, אָדער אויב ער בע־האַלט זיך, קען דען די הייראַט וואָס אויפטאַן? זי קען ארויסרופען דאָס געזעץ צו ברענגען דעם מאַן פאַר א משפט, איהם אוועקצוזע־צען הינטער געשלאָסענע טירען: זיין ארבייט אָבער געהט ניט דאַן פאַר'ן קינד נור פאַר דעם שטאַט. דעם קינד בלייבט נור א שוואַכע ערינערונג פון דעם פאַטער'ס ליידען.

וואָס אַנבעלאַנגט דער בעשיצונג פון דער פרוי, — אַט דאָ ליעגט דער פלוך פון דער הייראַט. פון בעשיצען איהר איז דאָך שוין אָב־געראַדעט, נור די אידעע אַליין איז אַזוי ווילד, אַזאַ בעשימפּפונג פון לעבען, אַזוי נידעריג פון דער מענשליכער ווירדע, אַז מ'דאַרף אויף אויביג פערראורטיילען אַט די פּאַראַזיטישע אינסטיטוציע.

ס'איז ווי יענע אַנדערע פּאַטערליכע אינסטיטוציע — קאַפּיטאַ־ליזם. עס בערויבט דעם מענשען פון זיין געבורטס־רעכט, פערהאַלט זיין וואוקס, פערגיפטעט זיין קערפּער, האַלט איהם אין אונוויסענ־הייט, אין אָרימקייט און אין אַבהענגיגקייט און שאַפט צדקה־אַנ־שטאַלטען וואָס פערניכטען די לעצטע שפּור פון דעם מענשענ'ס זעלבסט־רעספּעקט.

די אינסטיטוציע פון דער הייראַט מאַכט פון דער פרוי אַ פּאַ־ראַזיט, אַ פאָלשטענדיגע אַבהענגיגע בעשעפעניש. עס מאַכט זי אונ־פעהיג פאַר'ן קאַמפּף פון לעבען, פערניכטעט איהר געזעלשאַפטליכעס בעוווסטזיין, פּאַראַליזירט איהר פאַנטאַזיע, און דאַן ווערט די אינ־סטיטוציע פון דער הייראַט דער פרוי'ס גנעדיגע בעשיצערין.

אויב מוטערשאַפט איז די העכסטע ערפילונג פון דער פרוי'ס נאַטור, דאַן וואָס פאַר אַן אַנדער בעשיצונג דאַרף זי אויסער ליעבע און פרייהייט? די הייראַט פעראומרייניגט און פערדאַרבט נור איהר ערפילונג. זאָגט ניט הייראַט צו דער פרוי, נור ווען דו פאָלגסט מיר מעגסטו ארויסברייגנען לעבען? פעראורטיילט די הייראַט ניט די פרוי צו ערנידעריגונג און פאַלשקייט ווען זי וויל ניט קויפען איהר רעכט אויף מוטערשאַפט דורכ'ן פערקויפען זיך גופא? בע־רעכטיגט די הייראַט ניט מוטערשאַפט אפילו ווען דאָס קומט דורך האַס און צוואַנג? דאָך ווען מוטערשאַפט קומט פון פרייער וואַהל, פון ליעבע, פון עקסטאַז, פון ברענענדער ליידענשאַפט, לעגט עס ניט אַרויף אַ קרוין פון דערנער אויף אַן אונשולדיגען קאָפּ און קריצט עס ניט איין מיט בלוטיגע בוכשטאַבען די שרעקליכע אויפשריפט, ממזר? אויב אפילו די הייראַט וואָלט געהאַט אַלע מעלות וואָס מ'שרייבט איהר צו, וואָלט זי דען ניט פערדינט, בלויז איהר איהר פערברעכען גע־גען מוטערשאַפט, אויסגעשלאָסען צו ווערן אויף אימער פון דער מלוכה פון ליעבע.

ליעבע, דער שטאַרקסטער און טיפסטער עלעמענט אין גאַנצען לעבען, דער אַנזאָגער פון האָפנונג, פון פרייד, פון עקסטאַז; ליעבע, וועלכע איז שטאַרקער פאַר אַלע געזעצען, פאַר אַלע אַנגענומענע זי־טען; ליעבע, דער פרייעסטער, דער מעכטיגסטער פאָרמירער פון מענשליכען שיקזאַל; ווי קען אַזאַ'ן אַל־צווינגענדע קראַפט בעטראַכט ווערן אַלס דאָס זעלביגע ווי יענע פערזועהעניש, געבאָרען פון שטאַט און קירך, הייראַט?

פרייע ליעבע? עפּעס ווי ליעבע וואָלט איבערהויפּט געקענט זיין אַנדערש ווי פריי! דער מענש קויפט קאָפּ־פעהיגקייט, אָבער אַלע מיליאָנען אין דער וועלט זיינען נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו קויפען ליעבע. דער מענש אונטערוואַרפט קערפּערס, אָבער די גאַנ־צע מאַכט פון דער וועלט איז נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו אונטער־וואַרפען ליעבע. דער מענש האָט עראָבערט גאַנצע נאַציאָנען, אָבער אַלע זיינע אַרמייען האָבען ניט געקאָנט עראָבערען ליעבע. דער מענש האָט געבונדען אין קייטען דעם גייסט, אָבער ער איז אין גאַנ־צען געווען הילפלאָז געגען ליעבע. הויך אויף אַ טראָן, מיט גלאַנץ און פּראַכט קען זיין גאָלד בעפעהלען און הערשען, אָבער אָרים און וויסט בלייבט דער מענש ווען זיין לעבען געהט פערביי אָהן ליעבע. און וואו די ליעבע קומט ווערט דאָס אָרימסטע הייזעל פול מיט ליכ־טיגקייט, מיט וואַרימקייט, מיט לעבען און פאַרב. ליעבע האָט אַל־זאָ די צויבער־קראַפט צו מאַכען פון אַ בעטלער אַ קעניג. אָבער ליעבע איז פריי; זי קען ניט וואוינען אין קיין אַנדערער ווי אַ פרייער אַט־מאָספערע. אין פרייהייט גיט זי זיך איבער פאָלשטענדיג, ניט בעד־האַלטענדיג גאָרנישט צוריק. אַלע געזעצע פון די געזעצגעבער, אַלע געריכטסהייזער אין דער וועלט קענען ניט אויסרייסען די ליע־בע, ווען זי האָט נור איינמאָל געשלאָגען טיפע וואָרצלען. אָבער, ווען דער באָדען איז טרוקען און אונפרוכטבאַר, ווי קען די הייראַט איהם מאַכען פרוכטבאַרער? ס'איז ווי דער לעצטער פערצווייפעלטער קאַמף געגען טויט פון אַ לעבען וואָס האַלט אין אויסגעהן.

די ליעבע דאַרף ניט קיין בעשיצונג; זי איז איהר אייגענע בעד־שיצונג. אַזוי לאַנג ווי ליעבע ברענגט אַרוים לעבענס, וועט קיין קינד ניט זיין פערלאָזען אָדער הונגעריג. איך ווייס, אַז דאָס איז אמת.

איך ווייס פרויען וועלכע זיינען געוואָרען פרייע מוטערס פון מענער וואָס זיי האָבען געליעבט. זעהר ווענינ קינדער פון פערהייראַטע פאַמיליעס געניסען אזא בעשיצונג, אזא׳ן איבערגעבענהייט ווי די קינדער פון פרייער מוטערשאַפט.

די בעשיצער פון דער מאַכט האָבען מורא פאַר פרייער מוטער-שאַפט, עס זאָל ניט אַוועקנעמען פון זיי זייער רויב. ווער וועט געהן אין מלחמות? ווער וועט בעשאַפען רייכטהום? ווער וועט מאַכען דעם פאַליסמאַן, דעם היטער פון טורמע, אויב די פרוי וועט ניט וועלען גלאַט אזוי אָנפּלאָדען קינדער? די ראַסע, די ראַסע! שרייט דער קעניג, דער פּרעזידענט, דער קאַפּיטאַליסט, דער גייסטליכער. די ראַסע מוז אויפגעהאַלטען ווערען, מעג אַפילו די פרוי ערנידעריגט ווערן צו א בלויזער מאַשין, — און די הייראַטס-אינסטיטוציע איז אונזער איינציגע זיכערקייט געגען די שרעקליכע סעקסועלע ערוואַ-כונג פון דער פרוי. אָבער אומזיסט זיינען אַט די אַלע בעמיהונגען אויפצוהאַלטען א צושטאַנד פון קנעכטשאַפט. אומזיסט די בעפעה-לען פון דער קירך, די ווילדע אַטאַקעס פון הערשער, אומזיסט אפילו די האַנד פון געזעץ. די פרוי וויל ניט מעהר זיין קיין שותפ׳טע ארויסצוברייגגען א ראַסע פון קרענקליכע, שוואַכע, עלענדע מענשען, וועלכע האָבען ניט די קראַפט, דעם מאָראַלישען מוט אראָפּצוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון אָרימקייט און שקלאַפעריי. אָנשטאָט דעם וויל זי ווענינער און בעסערע קינדער, געבאָרען און ערצויגען אין ליעבע און פרייע וואָהל, ניט דורך בעצווינגונג ווי די הייראַטס- אינסטיטוציע פאָדערט. אונזערע פאַלשע מאָראַליסטען מוזען זיך נאָך אויסלער-נען דעם טיפען זין פון פעראַנטוואָרטליכקייט געגען א קינד וואָס די ליעבע און פרייהייט האָט ערוועקט אין דער ברוסט פון דער פרוי. גיכער וואָלט זי זיך אויף אימער ענטזאָגען פון דער עהרע פון מוטער-שאַפט איידער אַרויסברייגגען לעבענס אין אַן אַטמאָספערע וואָס אָטעמט מיט צושטערונג און טויט. און אויב זי ווערט א מוטער, איז

דאָס אום צו געבען דעם קינד דאָס טיפסטע און בעסטע וואָס זי פערמאָגט אין זיך. איהר מאַמאַ איז צו וואַקסען מיט'ן קינד; זי וויס, אז נור אויף דיזען וועג קען זי העלפען אויפבויען אמת'ע ווייבליכקייט און מענליכקייט.

איבסען האָט געמוזט האָבען דעם חוש־הראיה פון א פרייער מוטער, ווען ער האָט מיט זיין מייסטערהאַנד געמאָלען פרוי אַלווינג. זי איז געווען די אידעאַלע מוטער, ווייל זי איז אַריבערגעוואַקסען די הייראַט און אַלע איהרע שרעקען, ווייל זי האָט געבראָכען איהרע קייטען און האָט בעפרייט איהר גייסט און איהם געלאָזט אַרומשוועבען ביז ער איז צוריקגעקומען א פערזענליכקייט, נייגעבאָרען און שטאַרק. צום בעדויערען איז עס שוין צו שפּעט געווען צו ראַטעווען די פרייד פון איהר לעבען, איהר אַסוואַלד; אָבער ניט צו שפּעט איינצוזעהן, אז ליעבע און פרייהייט איז די איינציגע בעדינגונג פון א שענעם לעבען. יענע וואָס, אזוי ווי פרוי אַלווינג, האָבען זיי בעצאָהלט מיט בלוט און טרערן פאַר זייער גייסטיגע ערוואַכונג, פערוואַרפען די הייראַט אַלס א בעטרוג, אַלס א פלאַכע, פוסטע לעכערליכקייט. זיי ווייסען, אז אויב ליעבע דויערט א קורצע צייט אָדער אויביג, איז זי אָבער דאָס איינציגע בעשאַפענדע, בעגייסטערענדע, ערהייבענדע פונדאַמענט פאַר א נייער ראַסע, א נייער וועלט.

אין אונזער איצטיגע בעדינגונגען איז ליעבע א פרעמדע זאַך פאַר די מעהרסטע לייט. מיספערשטאַנען און אויסגעמידען, פאַסט זי זעלטען וואו טיפע וואָרצלען; און וואו זי טוט עס שוין יא, ווערט זי באַלד פערוועלקט און שטאַרבט אָב. די צאַרטקייט פון דער ליעבע קען ניט פערטראָגען די שטרענגקייט און די שאַרפקייט פון דעם טעגליכען לעבען. איהר נשמה איז צו פיין אום זיך צוצופּאַסען צו אונזער געזעלשאַפטליכען פאַבריק. זי, די ליעבע, וויינט און זיפצט און ליידט מיט יענע וואָס בעדאַרפען זי, אָבער האָבען ניט די פעהיגקייט

ארויפצושטייגען צו דער הויכקייט פון ליעבע.

ווען עס איז וועלען די מענער און די פרויען זיך ערהייבען און ארויפשטייגען יענעם הויכען שפּיץ בארג, זיי וועלען זיך דארטען טרעפען שטארק און פריי, גרייט צו נעהמען אנטייל און זיך ווארימען אין די גאלדענע שטראהלען פון ליעבע. וואס פאר א פאנטאזיע, וואס פאר א פּאעטישער געניוס קען פאראויסזעהן אפילו נור אומגע־פעהר וואס עס וועט ארויסוואקסען פון אזא קראפט אין דעם לעבען פון מענער און פרויען. אויב עס וועט אמאל געבארען ווערען אין דער וועלט די אמת'ע חבר'שאפט און איינהייט, וועט דאס געבארען ווערן נים פון הייראט, נור פון ליעבע.

די פאָלגענדע צוויי אינטערעסאַנטע ביכער
זיינען יעצט ערשיענען :

# יערעפרוי

## ווי זי זוכט ליעבע

אין 5 געזענגע

פרייז 25 סענט

# דער סיטיזען

## וואָס קלערט אויף ווי צו ווערען אַן
## אַמעריקאַנער בירגער לויט
## דעם נייעם געזעץ

פרייז 10 סענט

דיעזע ביכער זיינען צו בעקומען אין אַלע בוכהאנדלונגען און
אויף אַלע צייטונגס סטענדס, ווי אויך ביים פערלעגער

ISIDOR SCHWARTZ
8 East Seventh Street Brighton Beach
Brooklyn, N. Y.

עממאַ גאָלדמאַן

# אָפּפער פון מאָראַל

און

# די פילאָזאָפיע פון אַטהעאיזם

ארויסגעגעבען פון
ISIDOR SCHWARTZ
N. Y.

# אָפּפער פון מאָראַל.

ניט לאַנג צוריק האָב איך געהערט רעדען אנטהאָני קאָמסטאָק. וועלכער איז פערציג יאָהר געווען דער מאָראַל היטער פון אמעריקא. א מעהר פוסטע און נאַרישע פּלוידעריי, א טיעפערע אונוויסענהייט, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט פון אירגענד א פּלאַטפאָרמע.

די פראַגע וואָס מיר האָט זיך געשטעלט, זיך צוהערענדיג צו דיעזער אַלטער, פאַנאַטישער רעדע פון דעם מענש, איז געווען, ווי קאָן א מאַן וואָס איז אזוי בעגרעניצט און אונאינטעליגענט הערשען מיט דער קראַפט פון א צענזאָר און דיקטאַטאָר איבער א פאָלק וואָס האלט זיך דעמאָקראַטיש? אמת, קאָמסטאָק ווערט געשטיצט פון געזעץ. מיט פערציג יאָהר צוריק, ווען דער פוריטאַניזם איז געווען נאָך פיעל מוטיגער, אַנגרייפענדיגער ווי היינט, פולשטענדיג אָבשטעלענדיג דאָס ליכט פון שכל און פראָגרעס, איז קאָמסטאָק'ן געלונגען, מיט דער הילף פון דונקעלע מאַכינאַציעס און פּאָליטישע קונסטשטיק, דורכצופיהרען א געזעץ וועלכעס האָט איהם געגעבען א פולשטענדיגע קאָנטראָלע איבער דעם פּאָסט־אָפּיס — א קאָנטראָלע וואָס איז געוואָרען אַ אונגליק פאַר דער פרייהייט פון דער פרעסע, אזוי גוט ווי פאר דעם רעכט פון אמעריקאנער בירגער צו ווערען אונבעלעסטיגט, צו זיין בעל הבית ביי זיך אין הויז.

זינט דעמאָלט האָט קאָמסטאָק זיך אריינגעריסען אין פריוואַטע וואוינונגען פון מענשען, האָט קאָנפיסקירט פריוואַטע און פערזענליכע קאָרעספּאָנדענץ, פערנומען קונסטווערק, און אָרגאַניזירט א סיסטעם פון שפּיאָנעריי און כאַבאַר מיט וואָס אפילו רוסלאַנד וואָלט זיך געשעהמט. פונדעסטוועגען ליגט ניט אין געזעץ אליין די קראַפט פון אנטהאָני קאָמסטאָק. עס איז עפּעס אנדערש, פיעל שרעקליכער פון געזעץ. עס איז דער שמאָלער פוריטאַנישער גייסט, ווי מיר בעגעגענען איהם אין

די בלוטלאָזע און אונפּרוכטבאַרע מוחות פון די „יאַנג־מען־און־אָלד־מייד'ס קריסטשען־יוניאָן", אין די פעראייניגטע וואָס פּרעדיגען געלאַסענקייט, מעסיגקייט, איינגעהאַלטענקייט, אין די שבת־ליגען, אין די פּוריטאַנישע ליגען, א. אז. וו. — אַ גייסט וואָס איז שטאַק בלינד צו די איינפאַכסטע לעבענס־ערשיינונגען און, פון דאַנען קומט דער זומפּ און די פוילקייט. פונקט ווי אין די אנטי־בעללום טעג, בעיאַמערן דיזע אַלטע מומיעס די שרעקליכע אויסגעלאסענקייט פון אונזער צייט. די ווי־סענשאַפט, קונסט, ליטעראַטור, די דראַמאַ, ליגט פערגעוואַלדיגט פון דער פאַנאַטישער צענזור און פון געזעצליכקייט, און דער רעזולטאַט איז, דאָס אמעריקא, טראָץ די גרויסע פּרעטענציעס פאר פּראָגרעס און פרייהייט, ליגט נאָך אַלץ פערזונקען אין דעם נאַרישסטען פּראָווינציאַליזם.

דאָס קלענסטע מלוכה'לע פון אייראָפּאַ קאָן זיך בעריהמען מיט זיין קונסט, בעפרייט פון די קייטען פון מאָראַל, אַ קונסט וואָס האָט דעם מוט צו שילדערן און מאָהלען די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונזער צייט. מיט דעם שאַרפען קאַנט פון דער קריטיק שניידט זי אריין אין יעדען סאָציאַלען געשוויר, יעדער אונגערעכטיגקייט, פאָדערענדיג פונדאמענטאַלע ענדערונגען און די איבערשאַצונג פון אָנגענומענע ווערטען. די סאַטירע, דער וויץ און הומאָר, אזוי גוט ווי דאָס טיעף ערענסטע וואָרט דורך אַלע זיינע מיטלען און וועגען, ווערען אָנגעווענדט אויפצודעקען אונזערע קאָנווענציאָנעלע ליגענס, סאָציאַלע און מאָראַלישע. צו וועלען טהאָן דאָס זעלבע דאָ אין אמעריקא וועט זיין אן אומזיסטע מיה, ווייל אפילו דאָס בלויזע פּרופען אין דער ריכטונג איז געוואָרען אונמעגליך צוליעב דעם שטרענגען רעזשים, דעם מאָראַל דיקטאַטאָר און זיין קליקע.

די וויטסטע אין דער ריכטונג זענען, טראָצדעם, דערגאַנגען אונזערע „מאָקרייקערס" (מיט דעם וואָרט דאָ בעצייכענט עממא גאָלדמאַן אַ קלאַס פּאָליטיקער וועלכער האָט געקעמפט געגען אונריינער פּאָליטיק.) וועלכע האָבען אָהן ספק געבראַכט גרויסע נוצען אין דעם עקאָנאָמישען און סאָציאַלען לעבען. צי די „מאָקרייקערס" האָבען יאָ אָדער ניט געהאָלפען ענדערן דעם צושטאַנד, אבער ווענינסטענס האָבען זיי געהאָלפען אראָבצורייסען די מאַסקע פון דעם ליגנערישען פּנים פון אונזער היפּאָקריטישער און זעלבסטצופריעדענער געזעלשאַפט.

אבער לײדער שטאָלצירט נאָך ארום דער מאָראַלישער ליגען פערפּוצט אין פײנע פעדערן, װײל קײנער װאגט ניט צוצוטרעטען צו נאָהענט צו דיעזען קדשי קדשים, צו דיעזער העכסטער הײליגקײט. דאָך איז זיכער, דאָס קײן אנדערער אבערגלויבען איז ניט אזוי שעדליך פאר׳ן לעבען, שװאכט אָב און פּאַראַליזירט ניט אזוי דעם מוח און דאָס הארץ פון א פאָלק װי דער אבערגלויבען פון מאָראַל.

די פּאטעטישסטע, און אין א געװיסען זין ענטמוטיגענדע, זײט פון דיעזער לאגע איז א געװיסער עלעמענט פון ליבעראלען, און אפילו ראַדיקאלען, מענער און פרויען שײנענדיג צו זײן שוין בעפרײט פון רעליגיעזע און סאָציאלע סטראשידלעם, װעלכע אבער אנטקעגען דעם מאָנסטער פון מאָראַל זענען זײ פונקט אזוי הילפלאָז און נאָכגעביג װי די פרומסטע פון דעמזעלבען קלאס, — װעלכער פאקט איז נאָך א בעװײז װי טיעף דער מאָראַל־װאָרים האָט זיך ארײנגעגעסען אין דעם קערפער פון זײנע קרבנות, און װי שארף און דורכדרינגענדיג די מיטלען מוזען זײן כדי איהם צוריק ארויסצושנײדען.

עס איז דאָך איבעריג צו בעהויפּטען, אז די געזעלשאפט איז בעהערשט פון מעהר װי אײן מאָראַל. באמת, יעדע הײנטיגע אינסטיטוציע האָט זיך איהרע אײגענע מאָראַלישע פאָרמולען. אויך װאָלטען זײ קײנמאָל ניט בכוח געװען זיך אויפצוהאלטען אָהן דער הילף פון דער רעליגיאָן װעלכע איז זײער בעשיצערין און א מאסקע פאר דער מאָראַל. דיעזער צושטאנד מאכט קלאָר דעם אינטערעס װאָס די רײכע עקספּלואַטירענדע קלאסען האָבען אין רעליגיאָן און אין מאָראַל. די רײכע פּרעדיגען, שיצען און פינאַנצירען בײדע אלס א געשעפט װאָס ברענגט א גוטען פּראָפיט. מיט דער הילף פון דער רעליגיאָן האָבען זײ פּאַראַליזירט דעם פאָלק זײן דענקונגס־קראפט, פונקט װי מיט דער מאָראַל פערשקלאפט מען זײן גײסט. אין אנדערע װערטער: רעליגיאָן און מאָראַל זענען א סך א בעסערע בײטש צו האלטען א פאָלק אין יאָך, בעסער אפילו װי דער פּאָליצײיסקער שטעקען אָדער ביקס.

אָט איז א בײשפּיעל: די מאָראַל פון אײגענטום דערקלערט אז דיעזע אינסטיטוציע איז הײליג. װעה צו דעם װאָס װאגט צו צװײפלען אין דער הײליגקײט פון אײגענטום, אָדער פערברעכט געגען איהר! דאָך איטליכער װײסט אז אײגענטום איז רויבערײ; אז עס רעפּרע־

זענטירט די אַנגעזאַמעלטע כחות פון מיליאָנען מענשען וועלכע זיי־נען אַליין אָרים, און, וואָס עס איז נאָך שרעקליכער, וואָס אָרימער ס'איז דער קרבן פון דער אייגענטומס־מאָראַל, אַלץ גרעסער איז זיין רעספּעקט און זיין מורא פאַר זיין בעל־הבית. דעריבער קומט אויס צו הערען פאַרטגעשריטענע מענשען, אפילו אַזוי־גערופענע קלאַסען־בעוואוסטע אַרבייטער, בעקלאָגען אַלס אונמאָראַליש אַזאַלכע מעטאָ־דען ווי סאַבאָטאַזש און דירעקטע אַקציע, ווייל דיעזע מיטלען ציעלען אויף אייגענטהום.

הײַנט ווען די קרבנות אַליין זיינען אַזוי פאַרבלענדעט פון דער אייגענטומס־מאָראַל, וואָס קאָן מען שוין ערוואַרטען פון די בעלי־בתים? דעריבער שיינט עס צו זיין די העכסטע צייט צו מאַכען קלאָר דעם אמת דאָס, כל זמן די אַרבייטער וועלען ניט פערלירען זייער רעספּעקט פאַר דעם מיטעל פון זייער אייגענער פערשקלאַפונג, קאָנען זיי ניט האָפען אויף קיין ערלעזונג.

* * *

אָבער מיט וואָס איך וויל זיך דאָ מעהרסטענס בעשעפטיגען איז מיט דער ווירקונג וואָס די מאָראַל האָט אויף פרויען. אַזוי טויטליך, אַזוי פּאַראַליזירענדיג איז געווען דיעזע ווירקונג, אַז אפילו מאַנכע פון מיינע פאַרטגעשריטענסטע שוועסטער וועלען זיך שוין קיינ־מאָל ניט קאָנען פון איהר פאַלשמענדיג בעפרייען.

עס איז די מאָראַל וואָס פערדאַמט די פרוי צו אַ צושטאַנד פון פאַרזעסענקייט, אַ פּראָסטיטוטקע, אַ גאַכלעסיגע, לייכטזיניגע און אונ־אויפהערליכע אויסבריהערקע פון אונגליקליכע קינדער.

צוערשט מכח דער פאַרזעסענער מויד, דיעזע פערהונגערטע און פערוועלקטע מענשליכע פלאַנץ. ווען נאָך אַ יונגע שעהנע בלום פערליעבט זי זיך אין אַן אַנשטענדיגען יונגענמאַן. אָבער די מאָ־ראַל פאָדערט דאָס כל זמן ער קאָן מיט דעם מיידעל ניט חתונה האָ־בען, טאָר זי בשום אופן ניט וויסען פון קיינע ליעבעס היגרייסונגען, פון דעם עקסטאַז פון ליידענשאַפט, וועלכע דערגרייכט איהר העכס־טען אויפדרוק אין דער געשלעכטליכער אומאַרמונג. אויף דער יונגער־

מאַן וויל חתונה האָבען, אבער די אייגענטומס־מאָראַל, די מאָראַל פון דער פאַמיליע און די סאָציאַלע מאָראַלען פאָדערען דאָס פריהער מוז ער האָבען אַ פולען געלדבייטעל, מוז אָבשפּאָרען גענוג אײנצושטעלען אַ הויז און כדי צו קאָנען אויפהאַלטען אַ פאַמיליע. די יונגע מענשען מוזען וואַרטען, אָפטמאָל פיעלע לאַנגע, שווערע יאָהרען.

דערווייל ווערענדיג געשלעכטליך גערייצט אַ דאַנק זיין טעגליכען פערבערענגען און בעריהרונג מיט זיין געליעבטע, זוכט דער אנשטענדיגער יונגערמאַן צו בעפריעדיגען זיין נאַטור פאַר געלד. אין נײַן־און־נײַנציג פון יעדע הונדערט פאַלען, ווערט ער ווערען געשלעכטליך אָנגעשטעקט, און ווען ער איז שוין מאַטעריעל פאַרזיכערט און קאָן חתונה האָבען, ווערט ער אָנשטעקען זיין ווייב און דורך איהר זיינע קינדער. און די יונגע בלום, אין וועמען יעדע צעל גליהט מיט דעם פייער פון לעבען, אין וועמען דאָס גאַנצע וועזען שרייט נאָך ליעבע און ליידענשאַפט? זי האָט קיין בעפריעדיגונג. ביי איהר ענטוויקעלט זיך קאָפּוועהטאָג, שלאָפלאָזיגקייט, היסטעריקע; זי ווערט פערביטערט, בייז, און אין אַ קורצער צייט ווערט זי אַ פאַרוועלקט, פערצעהרט און טרויריג בעשעפעניש, אַ לאַסט אױ פאַר זיך און אי פאַר אנדערע. קיין וואונדער וואָס שטירנער האָט גיכער פאַרגעצויגען די אויסגעלאַסענע פרוי איידער אַ מיידעל וואָס איז פאַרזעסען געוואָרען צוזאַמען מיט איהר טוגענד ביז'ן גראָהען צאָפּ.

אַ מערך פאַטעטישע, אַ מעהר טרויריגע פיגור פון דיעזער גראָ־געוואָרענער מאָראַל איז ניט דאָ. דיעזער אמת איז נאָך פיעל שטאַרקער ווען מען האָט אין זין די גרויסע מאַסע פּראָפעסיאָנעלע מיטעל־קלאַס מיידלעך, איידער די פּשוט'ע פאָלקס מיידלעך. דורך דער עקאָנאָמישער נויטווענדיגקייט, דער אָרימקייט, ווערען די לעצטע נאָך אין זייער פריהער יוגענד אַריינגעוואָרפען אין דעם לעבענ'ס ווילדען שטראָם: זיי וואַקסען אויף צוזאַמען מיט די מענער אין דער פאַבריק, אין שאַפּ, אָדער ביים אונטערהאַלט און טאַנץ. דער רעזולטאַט איז אַ מעהר נאַטירליכער אויסדרוק פון זייערע פיזישע אינסטינקטען. דאָן, נאָך אַ זאַך. די יונגע מענער און די יונגע פרויען פון פאָלק זיינען ניט אזוי פערעקשנ'ט, אזוי צוגעבונדען צו און אויסגערעכענט מיט אויסערליכקיי־

טען, און דעריבער הערען זיי זיך אפטמאל יא צו צום רוף פון ליעבע און ליידענשאפט, ניט קוקענדיג אויף צערעמאניעס און מנהגים.

אבער דאס אויסגעארבייטע און איבערגעוואקסענע מיידעל פון דעם מיטעל־קלאס, געהאדעוועט אין די שמאלע גרעניצען פון פאמיליע און סאציאלע מנהגים, געהיטען פון טויזענד אויגען, וועלכע האט מורא פאר איהר אייגענעם שאטען — איהר טיעפע בענקשאפט צו א מאן אדער קינד, — מוז פערוואנדעלט ווערען אין א ליעבע צו קעץ און הינד, קאנאריקעס אדער צו דער ביבעל־קלאס. אט דאס איז די גרויזאמע חכמה פון דער מאראל, וועלכע דערשטיקט טעגליך די ליעבע, דאס ליכט און די פרייד, און די לעבענס פון אונצעהליגע קרבנות.

יעצט, וואס איז שייך דער פראסטיטוטקע. צום טראץ פון געזעצען, פערבאטונגען, פערפאלגונגען און תפוסות; צום טראץ זייער אבזונדערונג, מעלדונג, קרייצצוגען געגען אויסגעלאסענקייט און אנדערע עהנליכע מעטאדען, איז די גאסען־פרוי דאך דער אמת'ער געשפענסט, דער בייזער גייסט פון אונזער צייט. זי בעדעקט די פעלדער ווי א ווילד פיי. אויינברענענדיג זיך אין אין איטליכען שפעלטעלע פון לעבען. פיג. טענדיג און צושטערענדיג.

נאך אלעמען אבער צאהלט זי דאך ניט מעהר ווי צוריק, אין א זעהר קלייענער מאס, די קללה און די שוידערליכקייטען וואס די געזעלשאפט האט אויסגעלעגט אויף איהר וועג. זי, מיעד און פערמאטערט אין דעם לויף פון די יאהרהונדערטען, געפלאגט און געטריעבען פון ווינקעל צו ווינקעל, געטרעטען פון יעדען, איז דאך די נעמעזים פון די מאדערנע צייטען, די ראכע געטין, וואס הערשט אונ'רחמנות'דיג מיט א פייערדיגער שווערט. ווייל, האט זי דען ניט דעם מאן אין איהר קראפט? און, דורך איהם, די היים, דאס קינד און די ראסע. אט אויף דעם אופן שניידט זי, און ווערט אליין אמגרויזאמסטען געשניטען.

וואס האט זי בעשאפען? פון וואנען קומט זי? די מאראל, די מאראל וואס איז גרויזאם צו דער פרוי. איינמאל האט זי געוואגט צו זיין זי אליין, צו זיין געטריי צו איהר נאטור, צו לעבען, און אלעם איז פאר איהר פערשלאסען: די פרוי ווערט ארויסגעווארפען און קריגט קיין בעשיצונג פון דער געזעלשאפט. די גאסען־פרוי ווערט דער קרבן פון דער מאראל, פונקט ווי די פארוועלקטע אלטע מויד איז איהר

קרבן. אָבער די פּראָסטיטוטקע ווערט אויך דערצו א קרבן נאָך פון אנ־דערע כחות: די וויכטיגסטע פון זיי אלע איז די אייגענטומס־מאָראַל, וועלכע צווינגט די פרוי זיך צו פערקויפען אלס א געשלעכטס־מיטעל א דאָלאר פער קאָפּ, אָהן א חתונה, אָדער פאר 15 דאָלאר א וואָך, מיט דעם הייליגען באַנד פון הייראט. דאָס לעצטע איז אָהן צווייפעל זיכע־רער, בכבוד'יגער, מעהר אָנגעזעהן, אבער פון דיעזע צוויי מינים פּראָס־טיטוציע איז כאָטש דאָס גאסען־מיידעל וועניגער היפּאָקריטיש, ווע־ניגער געזונקען, ווייל אין איהר האנדעל פעהלט די פרומע מאסקע פון דעם ליגען. און דאָך ווערט זי געיאָגט, בערויבט, פערגעוואלדיגט און פערשעהמט און טאקע פון די זעלבע וועלכע האָבען זי בעשאפען: דער פינאַנציסט, דער גלח, דער מאָראַליסט, דער ריכטער, דער פּאָליציימאַן, און דער פּאָליציי שפּיאָן; און דערביי ניט פערגעסענדיג איהר בע־שיצטע, רעספּעקטאַבעלע און טוגענטהאפטע שוועסטער, וועלכע פער־פּאָלגט די פּראָסטיטוטקע אמגרויזאמסטען און אמביטערסטען.

די מאָראַל און איהר קרבן, די מוטער — וואָס פאר א שרעקליך בילד! איז דען באמת פאראַן עפּעס וואָס איז שוידערליכער, פער־ברעכערישער איידער אונזער פערהערליכטע און פערהייליגטע פונק־ציע פון מוטערשאפט? די פרוי, וועלכע איז פיזיש און גייסטיג אונ־פעהיג צו זיין א מוטער, דאָך איז זי פערדאמט צו שוואַנגערן: די פרוי, פון וועמען די עקאָנאָמישע לאסט זויגט אוים איהר לעצטען פונק ענערגיע, און דאָך איז זי געצוואונגען צו שוואנגערן: די פרוי, צוגע־בונדען צו א מאַן וועלכער עקעלט זי, וועמעס בלויזע געגענווארט פילט זי אָן מיט שרעק, דאָך שוואנגערן מוז זי; די פרוי, מיעד און פער־מאטערט פון דעם כסהר'דיגען שוואַנגערן און קינדלען, דאָך ווערט זי געצוואונגען צו שוואנגערן נאָך, מעהר און ווייטער. וואָס פאר אן עקעל, דיעזע פיעל בעזונגענע מוטערשאפט! דעריבער איז קיין וואונ־דער וואָס טויזענדער פרויען ריזיקירען צו ווערען פערקריפּעלט און ציהען פאָר גיכער דעם טויט איידער די קללה פון דעם גרויזאמען צוואנג פון דעם שד פון מאָראַל. פינף טויזענד פרויען ווערען יעדען יאָהר געבראכט אלס קרבנות אויף דעם מזבח פון דיעזען מאָנסטער, וועלכער וועט ניט ערלויבען די פערהיטונג אבער וועט קורירען דאָס מפּל'ען. פינף טויזענד געפאלענע סאָלדאטען אין דער שלאכט פאר

זייער פיזישער און גייסטיגער בעפרייאונג, און פונקט אַזוי פיעל טויזענדע וואָס ווערען צוקריפּעלט און צושעדיגט איידער צו ברענגען אַ קינד אין אַ געזעלשאַפט וועלכע איז געבויט אויף פערפוילונג און צושטערונג.

איז עס ווייל די מאָדערנע פרוי וויל זיך אבווארפען פון דער פעראנטוואָרטליכקייט, אָדער איז עס ווייל עס פעהלט איהר די ליעבע צו קינדער, וואָס טרייבט זי צו די ווירקזאמסטע און געפעהרליכסטע מיטלען צו פערהיטען שוואנגערשאַפט? בלויז פלאַכע און פאַנאַטישע מוחות קאָנען מאכען אזא מין בעשולדיגונג. אז ניט וואָלטען זיי געוואוסט אז די מאָדערנע פרוי איז געוואָרען ראסען־בעוואוסט, געפיהלפול צו די בעדערפעניזשען און רעכטען פון דעם קינד, דער סימבאָל און די פערקערפּערונג פון דער ראַסע, און דאָס דעריבער האָט די מאָדערנע פרוי אַ געפיהל פון פעראנטוואָרטליכקייט און מענשליכקייט, אַ געפיהל וואָס איז געוועזן אין גאַנצען פרעמד צו איהר גרויסמוטער.

ווען די עקאָנאָמישע מלחמה קאָכט ארום איהר, ווען קאמף, אָרימקייט, פערברעכען, קראנקהייט און משוגעת קוקט איהר גלייך אין פנים, ווען אונצעהליגע קליינע קינדער ווערען צוריבען אויף גאָלדשטויב, ווי קאָן די זעלבסטאָן ראסען־בעוואוסטע פרוי ווערען אַ מוטער? די מאָראל קאָן ניט ערנטפערן אויף דיעזער פראגע. זי קאָן בלויז בעפעהלען, צווינגען אָדער פערדאמען — און וויפיעל פרויען זענען גענוג שטארק אויסצוהאלטען דיעזע פערדאמונג, צו פעראכטען דיעזע מאָראלישע פאָרשריפטען? ליידער, ווייניג. דעריבער פילען זיי אָן די פאבריקען, די אויסבעסערונגס־הייזער, די נארען־הייזער, די געפענגניסען, די משוגעים־הייזער, אָדער זיי שטארבען זוכענדיג צו פערהיטען אַ געבורט. אָה, מוטערשאפט, וואָס פאר אַ פערברעכענס ווערען בעגאנגען אין דיין נאָמען! וואָס פאר אַ שווערע קרבנות עס ווערען געלייגט צו דיינע פיס, מאָראל, דו צושטערערין פון לעבען!

גליקליכערווייז פאנגט שוין אָן צו טאָגען איבער דעם פינסטערען כאאָס. די פרוי וואכט אויף, זי ווארפט פון זיך אראָב דעם בייזען חלום פון מאָראל; זי וויל מעהר ניט זיין געבונדען. ליעבענדיג דעם מאן, טראכט זי ניט וועגען דעם אינהאלט פון זיין געלד־בייטעל, נאָר

וועגען דער רייכקייט פון זיין נאַטור, וועלכע איז דער פאַנטאַן פון לעבען און פרייד. און אויך דארף זי ניט די סאַנקציאָנירונג פון דעם שטאַט; איהר ליעבע איז גענוג הייליגקייט פאר איהר. און אזוי קאַן זי זיך איבערגעבען צו איהר אויסגעוועהלטען מאַן, פונקט ווי די בלומען גיבען זיך איבער צום טהוי און צום ליכט, אין פרייהייט, שעהנקייט און ענטציקונג.

אַ דאַנק איהר נייגעבאָרען זעלבסט בעוואוסטזיין אלס אַן איך, אַ פערזענליכקייט, אַ האַסען בויעריַן, וועט זי ווערען אַ מוטער נאָר דאַן ווען זי אליין וועט ווינשען אַ קינד, און ווען זי וועט קאָנען געבען דעם קינד, אפילו איידער זיין געבורט, אלעם וואָס איהר נאַטור און שכל קאַן בעשאַפען: האַרמאָניע, געזונדהייט, בעקוועמליכקייט, שעהנקייט און, מעהר פון אלץ, פערשטענדניס, בעגייסטערונג און ליעבע, וועלכעס איז די איינציגע פרוכטבאַרע ערד פאר אַ נייע לעבען, אַ נייע וועזען.

די מאָראל שרעקט ניט אָב אַ פרוי וועלכע האָט זיך דערהויבען איבער דעם בעגריף פון גוט און שלעכט. און הגם די מאָראל קאָן זיך ווייטער אַנגעהן און פערשלונגען נייע קרבנות, איז זי אבער קראַפטלאָז אנטקעגען דעם נייעם גייסט וועלכער לייכט אין זיין פולער הערליכקייט אויף דעם שטערן פון דעם בעפרייטען און אונטערשראָקענעם מאַן און פרוי.

# די פילאזאפיע פון אטהעאיזם.

דער אלגעמיינער בעגריף פון גאט, איבערנאטירליכע קראפט, גייסט, גאטהייט, אדער אירגענד אן אנדערע בעצייכנונג דורך וועלכער דער תמצות פון טהעאיזם, דער גלויבען אין גאט, האט זיך אויסגעדריקט, איז געווארען מיט דעם לויף פון דער צייט און דעם פראגרעס, אלץ אונבעשטימטער און אונקלארער. די גאט־אידעע ווערט וואס ווייטער אויף אזוי פיעל מעהר פארפרעמדט און פערוואלקענט, וואס מעהר דער מענשליכער מוח לערענט זיך אוים צו פערשטעהען די נאטור ערשיינונגען און אויף וויפיעל די וויסענשאפט קומט שטופענווייז אין פערבינדונג מיט די מענשליכע און סאציאלע פאסירונגען. גאט פיהרט היינט מעהר ניט דעם מענשליכען מזל מיט דערזעלביגער אייזערנער האנד ווי פארצייטענס. גיכער איז היינט די גאט־אידעע א מין ספיריטואליסטישער סטימולאנט מיט וואס צו בעפריעדיגען די קאפריזען און פאנטאזיעס פון דער מענשליכער שוואכקייט און אלע איהרע שאטירונגען. בעת דער מענשליכער ענטוויקלונג, האט זיך די גאט־אידעע געמוזט צופאסען צו יעדער פאזע פון די מענשליכע אינטערעסען, א פאקט, וועלכער איז פולשטענדיג אין איינקלאנג מיט דעם אורשפרונג פון דער אידעע אליין.

דער פרימיטיווער מענש, ניט מסוגל צו פערשטעהען די נאטור־ערשיינונגען און ווערענדיג פון זיי געפלאגט, האט געזעהען אין יעדער ענטפלעקונג א בייזע קראפט בעשטימט פאר איהם; און אזוי ווי די אונוויסענהייט און מורא זענען אימער די עלטערען פון אלע אבערגלויבענס, האט די געמאטערטע פאנטאזיע פון דעם פרימיטיווען מענש זיך אויסגעוועבט די גאט אידעע.

די גאט אידעע האט אויפגעלעבט, זיך צוגעפאסט, און זיך פער־

גרעסערט אָדער פערקלענערט, וועדליג די נויטען פון דער צייט, האָט בעהערשט די מענשהייט און וועט ווייטער זי בעהערשען ביז וואַנען דער מענש וועט אויפהויבען זיין קאָפּ צום ליכטיגען טאָג, אונדערשראָקען און מיט אַ אויפגעוועקטען ווילען. שוין ווייזען זיך סמנים דאָס דער טהעאיזם, וועלכער איז די טעאָריע פון ספּעקולאַציע, ווערט פערנומען פון דעם אַטהעאיזם, די דעמאָנסטראַטיווע וויסענשאַפט. עס איז די ערד, ניט דעם הימעל, וואָס דער מענש מוז איינגעהמען אויב ער וויל באמת ווערען גערעטעוועט.

דאָס שטופענווייזע אַבשוואַכען פון דעם גלויבען איז אַ זעהר אינטערעסאַנטע ערשיינונג, בעזונדערס ווי דיעזער פאַקט שפּיגעלט זיך אָב אין דער מורא פון די גלויביגער, וועלכער עס זאָל ניט זיין זייער בעזונדערער גלויבען. זיי בעגרייפען, צו זייער גרויסען שרעק, דאָס די פעלקער ווערען וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר אַטהעאיסטיש, אַלץ מעהר אַנטי־רעליגיעז, מחמת מעהר און מעהר בעשעפטיגען זיך די פעלקער דורכאויס נור מיט די פּראָבלעמען פון זייער פּאַקטישער עקזיסטענץ.

ווי אַזוי די מאַסען צוריקצוברענגען צום גלויבען, צום גייסט, צו דער סבה כל הסבות, א. אַ. וו. — דיעזעס איז די אַמברענענדיגסטע פראַגע פון אַלע טהעאיסטען. דעריבער זענען די מעהרסטע פון זיי געצוואונגען זיך צו פאַרנעהמען מיט יעדער פראַגע, אפילו ווען זי האָט קיין שייכות ניט צום ענין פון אַ גאָטהייט, דער ענטפּלעקונג אָדער אַ יענער וועלט. דעריבער זייער טאָלעראַנץ; אָבער די טאָלעראַנץ קומט ניט פון פערשטעהען, נאָר פון שוואַכקייט. מעהר און מעהר ווערען די אַלערליי תורות „פון דעם איינציגען אמת'ן גאָט, דעם איינציגען ריינעם גייסט, די איינציגע אמת'ע רעליגיאָן" געדולדיג איבערגעטייטשט און איבערגע'פשט'עלט, כדי מיט געוואַלד צו בעשאַפען אַ געמיינזאַמען באָדען און צו ראַטעווען די מאָדערנע מאַסען פון דעם „שעדליכען" איינפלוס פון אַטהעאיזם.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פון דער טהעאיסטישער „טאָלעראַנץ" דאָס באמת קימערט זיך קיינער ניט אין וואָס דער עולם גלויבט, כל זמן ער גלויבט אָדער מיינט אַז ער גלויבט. כדי צו ערייכען דיעזען צוועק, ווערען בענוצט די געמיינסטע און וואולגאַרסטע מעטאָדען.

און די ווילדסטע אַנשטרענגונגען זענען נושא חן ביי און ווערען אונ־טערשטיצט פון די ערדישע מאכטהאָבערס: דעם רוסישען צאַר ביז צום פּרעזידענט פון אמעריקא, פון ראקעפעלער און וואנאמייקער אראָב ביז צום קלענסטען געשעפטס־מאַן. זיי ווייסען אז דאָס קאַפּיטאל וואָס מען לעגט אריין אין בילי סאַנדעי, און אין די אַלערליי אַנדערע רעלי־גיעזע אינסטיטוציעס, וועט ברענגען א גוואַלדיגען פּראָפיט פון די איבערוועלטיגטע, געצוימטע און נארישע מאסען. בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט זעהען די מעהרסטע טהעאיסטען אין דעם גלויבען אין געטער און שדים, גע עדן און גיהנום, שכר ועונש, א בייטש מיט דער הילף פון וועלכער מען צווינגט די מאסען צו זיין געהאָרכזאַם, קליין ביי זיך און צופריעדען. אין דער אמת'ן וואָלט דער גלויבען אין גע־טער שוין לאנג פערלוירען דעם באָדען, ווען ניט די פּעראייניגטע אונ־טערשטיצונג פון מאַמאָן און די מאַכטהאָבער.

האָבען דען ניט אַלע גלויביגער געשילדערט זייער גאָט אלס א גאָט פון ליעבע און גוטסקייט? און דאָך נאָך טויזענדער יאָהרען פון די דאָזיגע דרשות זענען די געטער נאָך אַלץ טויב צו די קרעכצען פון דער מענשליכער ראסע. קאָנפוציוס איז קאַלט צו דער אָרימקייט און הונגער פון דעם בינעזישען פאָלק; בודהאָ ווערט ניט געריהרט אין זיין פילאָזאָפישער גלייכגילטיגקייט פון דעם הונגער און אונגליקען פון די פערגוואַלדיגטע הינדוער; יהוה איז טויב צום ביטערען געוויין פון זיין פאָלק ישראל בעת יעזוס וויל ניט אויפשטעהן תחית המתים געגען זיינע קריסטען וועלכע מערדערען זיך איינס דאָס אנדערע. אז גאָט איז אן אל מלא רחמים, און אל נקמות און א גאָט פון גערעכ־טיגקייט זינגען און לויבען אַלע שירים ושבחים. אבער וואו זענען די עטער צו מאכען א סוף צו אַלע דיעזע שוידערליכקייטען, צו דיעזע ונגערעכטיגקייטען, צו דיעזער אונמענשליכקייט צו מענשען? ניין, יט די געטער, נור דער מ ע נ ש מוז אויפשטעהן אין זיין גערעכ־ וען צאָרן, נור ער אַליין מוז ברענגען גערעכטיגקייט אויף דיעזער ערד.

די פילאָזאָפיע פון אטהעאיזם איז דער אויסדרוק פון דער ענט־וויקלונג און דאָס וואקסען פון דעם מענשליכען געדאנק. די פילאָ־זאָפיע פון טהעאיזם, פון גלויבען, אויב מיר קאָנען זי רופען פילאָ־

זאפיע, איז אין א צושטאנד פון רוה און פערגליווערטקייט. דער בלויזער ווילען דורכצודרינגען דיעזע געהיימניסען, בעווייזט, פון טהעאיסטישען שטאנדפונקט, א ניט־צוטרוי אין דער אלעס־ארומנעהמענדער אלמעכטיגקייט, און אפילו א פערלייקענונג פון דער געטליכער חכמה. אבער צום גליק איז דער מענשליכער געדאנק קיינמאל ניט געוועזען, און וועט קיינמאל ניט זיין, געבונדען פון פיקסע אידעען, דעריבער גראבט ער זיך ווייטער און ווייטער אין זיין כסדר׳דיגען גאנג צום וויסען. דער מענשליכער מוח בעגרייפט אז „דער אוניווערזום איז ניט א רעזולטאט פון א בעשאפונגס־רוף פון עפעס א געטליכער חכמה, געקומען פון גארניט, בעשאפענדיג פון א כאאטישער, פארמלאזער מאסע א מייסטערווערק אין זיין פולער פאלקאמענהייט“, נור אז עס איז דאס פראדוקט פון כאאטישע כחות אין זייער אייביגער בעוועגונג, פון צוזאמענשטויסונגען און קאטאסטראפען, פון צוריקשטויסונגען און צוציהונגען, קריסטאליזירענדיג זיך דורך דעם פרינציפ פון צופאסונג צו דעם צושטאנד וואס די טהעאיסטען רופען „דער אוניווערזום בעשאפען אין ארדנונג און שעהנקייט“.

די פילאזאפיע פון אטהעאיזם שטעלט מיט זיך פאר א בעגריף פון דעם לעבען, אהן וועלכער ניט איז מעטאפיזישער יענער־וועלט אדער געטליכער פיהרונג. דער אטהעאיזם, אין זיין פילאזאפישען אנבליק פערווארפט יעדע פערבינדונג ניט בלויז צו א בעשטימטען בעגריף פון א גאט, נור זי זאגט זיך אב אפילו אויפצונעהמען די בלויזע גאט אידעע, און בעקעמפט דעם טהעאיסטישען פרינציפ אלס אזעלכען. די געטער אין זייער אינדיווידועלער פונקציע זענען א העלפט ניט אזוי שעדליך ווי דער פרינציפ פון טהעאיזם וועלכער שטעלט מיט זיך פאר דעם גלויבען און אן איבערנאטירליכער, און אפילו אן אלמעכטיגער, קראפט וועלכע רעגירט די ערד און די מענשען אויף איהר. עס איז זיין אבסאלוטיזם, זיין פאראליזירענדיגע ווירקונג אויף דעם מענשליכען געדאנק און האנדלונג, וואס דער אטהעאיזם בעקעמפט מיט אלע זיינע כחות. די פילאזאפיע פון אטהעאיזם האט איהרע ווארצלען אין דער ערד, אין דיעזען לעבען. די מענשהייט איז שוין שווער און ביטער בעשטראפט געווארען פאר בעשאפען זיך געטער; נור וועהטאגען און פערפאלגונגען איז געוועזען איהר מזל זינט דעם אנפאנג פון איה־

רע געטער. בלויז איין אויפֿגאַבע איז פֿאַראַן: דער מענש מוז צוברע־כען זיינע געטליכע קייטען מיט וועלכע ער האָט זיך צוגעשמידט צו די טויערן פֿון גן עדן און גיהנום, כדי ער זאָל קאָנען אָנהויבען טראַכ־טען מיט זיין אויפֿגעוועקטע און ליכטיגען שכל וועגען אַ נייער וועלט אויף דער ערד.

תּמיד האָבען די גאָטלאָזע, די אַטהעאיסטען געוואוסט, אַז גערעכ־טיגקייט, אמת, און עהרליכקייט האָבען קיין שום שייכות ניט צו די הימלען, אַז זיי זענען צוגעקניפּט און צונויפֿגעוועבט מיט די מעכטי־גע ענדערונגען וואָס קומען פֿאָר אין דעם סאָציאַלען און מאַטעריעלען לעבען פֿון דער מענשליכער ראַסע; ניט פֿערגליווערט און אין אַן אייביג רוהיגען צושטאַנד, נור שטענדיג און כסדר זיך בעוועגענדיג, זיך בייטענדיג, פּונקט ווי דאָס לעבען אליין. דער אַטהעאיזם, בעת ער פֿערלייקענט די געטער, איז אין דערזעלביגער צייט די מעכטיגסטע בעשטעטיגונג און אויפֿהויבונג פֿון דעם מענש, און דורך איהם, דער אייביגער בעוויז פֿון לעבען, זיין צוועק און שעהנקייט.